# מסעי

א. אויף דעם וואס דער פסוק זאגט „אלה מסעי בני ישראל" און איז דערנאך מפרט די אלע ערטער — פרעגט מען[1]:

וויבאלד מען רעכנט די ערטער וואו מען האט זיך אפגעשטעלט במשך דער לאנגער נסיעה, איז מען דאך ניט אויסן צו דערמאנען די חלקי הנסיעה צווישן די חניות, נאר די ערטער וואו מען האט חונה געווען, אפגעשטעלט די נסיעה;

האט דאך געדארפט דא שטיין (ניט „אלה מסעי בנ"י", נאר) „אלה חניות בנ"י" — דאס זיינען די ערטער וואו אידן האבן זיך אפגעשטעלט און גערוט[2]?

נאך מער: דעם רוב ועיקר הזמן פון די ארבעים שנה וואס אידן זיינען געווען אין מדבר, זיינען זיי געווען (ניט בנסיעה ממקום למקום, נאר) במצב של חני' במקומות החני'[3] — האט דאך דער פסוק געדארפט מדגיש זיין (ביים דערציילן ווי אידן זיינען אדורך דעם מדבר) די חניות.

לכאורה איז עס פארענטפערט לויט א רש"י פריער: אויף „בכל מסעיהם" (אין סוף פ' פקודי) טייטשט רש"י „מקום חנייתן אף הוא קרוי מסע וכן . . אלה מסעי . . לפי שממקום החני' חזרו ונסעו לכך נקראו כולן מסעות". דאס הייסט, אז „מסעי" איז כולל ביידע — סיי דעם „ויסעו" און סיי דעם „ויחנו".

אבער הא גופא דארף האבן א ביאור: „מקום חנייתן" ווערט אנגערופן „מסע . . לפי שממקום החני' חזרו ונסעו" — לכאורה איז, אדרבה: דער „ויחנו" איז דאך דער צוועק, גמר און אפשלוס פון דעם (פריערדיקן) „ויסעו", (כוונת ותכלית הנסיעה איז אנצוקומען צו „מקום החני'") — דארף דער „ויסעו" נכלל ווערן אינעם „ויחנו" — און ניט פארקערט?

אויך: אפילו אויב „מסע" איז אין זיך כולל אויך די חני' בין מסע למסע — איז אבער ניט גלאטיק בנדו"ד: וויבאלד אז דא איז דער עיקר הדגשה אויף די חניות[2], כנ"ל, דארף מען ניט נוצן דעםווארט „מסעי" וואס מיינט בעיקר דעם „ויסעו" (ס'איז נאר וואס „מקום חנייתן אף הוא קרוי מסע").

ב. מען קען ענטפערן:

דער מכוון פון „ויסעו גו' ויחנו גו'" איז געווען צו אריינקומען אין ארץ ישראל. דער תכלית איז ניט געווען די חניות, נאר דער ווייטערדיקער מסע וואס דערנענטערט צו א"י.

ומהאי טעמא ווערן אויך די חניות אנגערופן „מסע", ווייל די חניות זיינען ניט געווען קיין תכלית פאר זיך[4], נאר

1) אלשיך כאן. וראה גם כלי יקר ואור החיים כאן.

2) לפי' הראשון ברש"י (ריש פרשתנו) „להודיע חסדיו של מקום . . לא תאמר שהיו נעים ומטולטלים כו'", י"ל שעיקר ההדגשה כאן היא בענין המסעות (כתירוץ הכלי יקר); אבל לפי' הב' ברש"י (מתנחומא פרשתנו ג) — וכן לפי' המדרש (תנחומא שם) „על שקבלו את ישראל עתיד הקב"ה ליתן שכרם", פי' הרמב"ם (מו"נ ח"ג פ"נ) שהובא ברמב"ן כאן, ועוד — „הי' ראוי למנות החניות" (ל' האוה"ח כאן).

3) ולפי' (הראשון ב)רש"י כאן להודיע זה נכתבו המסעות הללו. וראה רש"י דברים (א, מו).

4) אע"פ שיש בה קביעות (עירובין נה, ב. וראה לקו"ש ח"ו ע' 235 ואילך).

בלויז אן אפשטעל און הפסק אויף צו קענען גיין ווייטער — „ממקום החני' חזרו ונסעו" — אין דער ריכטונג פון ארץ ישראל[5].

עס איז אבער ניט גלאטיק: פון דעם וואס ער זאגט „אלה מסעי" — לשון רבים — איז פארשטאנדיק, אז דער פסוק מיינט

[ניט דעם צד השוה פון די אלע מסעות און זייער תוכן כללי, אז זיי אלע זיינען (א חלק און שטעלן צוזאמען) איין „מסע" פון ארץ מצרים קיין א"י — נאר]

דעם ענין המיוחד פון יעדן מסע באזונדער, דאס וואס טיילט אפ יעדן מסע פון די אנדערע וכפרש"י[6] „כאן ישננו כאן הוקרנו כו'" (זיי זיינען מסעי, ל' רבים) — און וויבאלד אז דער חילוק צווישן די מסעות איז מצד די מקומות החני' (דער (גיין —) מסע איז דאך בא אלע גלייך), פארוואס זאגט דער פסוק „אלה מסעי" און ניט „אלה חניות"?

ג. ס'איז באוואוסט תורת הבעש"ט[7] אויף „אלה מסעי בנ"י", אז די אלע מ"ב מסעות זיינען פאראן ביי יעדער אידן, במשך כל שנות חייו[8]: „אשר יצאו מארץ מצרים" — לידת האדם, דערנאך במשך ימי חייו — שאר המסעות, ביז ער קומט צום ברעג פון ארץ החיים העליונה.

און דער בעש"ט איז מסביר, אז קברות התאווה הוא בחי' החכמה כי שם קברו את העם המתאווים פי' מי שבא למידת חכמה אזי בטל ממנו כל התאוות מרוב דבקותו בו ית"ש. ומבואר[9] אז אלע מסעות זיינען „בחינות קדושים וטהורים". אויך די מסעות ביי וועלכע אידן האבן זיך געפירט היפך רצון העליון, זיינען אבער די מסעות מצד עצמם „בחינות קדושות ומעלות רמות". ווי די דוגמא פון „קברות התאוה" אז — „בטל[10] ממנו כל התאוות מרוב דבקותו": ס'איז ניט נאר ניטא קיין תאוה בפועל, נאר „קברו גו' המתאוים", ס'איז ניט בגדר עס זאל זיין שייך תאוה.

עפ"ז ווערט נאך שטארקער די שאלה הנ"ל — פארוואס זאגט דער פסוק „אלה מסעי" — דע"פ הנ"ל האט דאך זיכער די הדגשה געדארפט זיין אויף די חניות, וואס זיינען מרמז אויף די פארשידענע מדריגות אין עבודת ה', זו למעלה מזו, צו וועלכע א איד דארף צוקומען (בהליכתו מחיל אל חיל) במשך שנות חייו.

ד. וי"ל הביאור אין דעם:

דער סדר הרצוי פון חיי האדם איז, אז ביי אים זאל שטענדיק זיין — „מסעי", ער זאל זיין א מהלך. ווי חסידות[11] איז מבאר דעם חילוק צווישן „עמידה" און „הילוך" אין עבודת השם:

„עמידה" מיינט אז מען שטייט אויפן זעלבן ארט. אפילו ווען מ'איז עולה צו א העכערער מדריגה, איז דאס נאר אז עלי' בערך — די העכערע מדריגה האט אן ערך צו (ובמילא א שייכות ובמילא א מעין פון) דער פריערדיקער מדריגה,

---

5) ועי"ד חני' שהיא רק לפי שעה, כמו „וילך למסעיו" (לך יג, ג) שהובא בפרש"י פקודי שם, שנק' „מסע" לפי שאינה חני' (גמר ותכלית) מכיון שלאחרי שעה חוזרים ונוסעים ממנה.

6) פי' השני כאן.

7) הובא בדגל מחנה אפרים ריש פרשתנו.

8) ובאוה"ת פרשתנו (ס"ע א'שנב) „שיש בחי' מ"ב מסעות ג"כ בכל יום".

9) דגמ"א שם.

10) ראה אוה"ת ח"ש ד"ה ויתן לי (קיד, ב). וראה גם חת"ס פרשתנו עה"פ ויסעו מקברות התאוה (מספר שיר מעון).

11) לקו"ת שלח לח, ד. ד"ה צאינה וראינה תר"ס. סה"מ תרע"א ע' סט ואילך. ועוד.

ובמילא איז ער ניט „אוועק" (לאמיתתו) פון זיין פריערדיקער מדריגה.

„הילוך" (לאמתתו) מיינט: א הילוך ועלי' שלא בערך, אז מען גייט אין־גאנצן אוועק פון דער נידעריקער מדריגה, די העכערע מדריגה איז באין ערוך העכער פון דער מדריגה אין וועלכער ער איז פריער געשטאנען.

וי"ל כמה דוגמאות: פילע דרגות בתלמידים זו למעלה (אבל בערך) לזו; שלא בערך — ווען ער ווערט א (מוסמך) רב ודיין, און אויך אין דעם זיינען דא פילע דרגות. עשר קדושות הן[12] יעדע העכער (אבער בערך) פון דער פריערדיקער. שלא בערך — עלי' לג"ע, און אויך אין ג"ע איז „כו"כ[13] מעלות ומדרגות ג"ע זלמ"ז עד רום המעלות".

און דערפאר זאגט דער פסוק „אלה מסעי", צו מרמז ומדגיש זיין, אז א איד זאל זיך ניט אפשטעלן און בלייבן (חני') ביים זעלבן סוג עלי' מדרגא לדרגא, נאר זיינע עליות דארפן זיין באופן אז די צווייטע עלי' („מסע") איז אפגעטיילט, באין ערוך העכער פון דער ערשטער, א הליכה מחיל אל חיל.

ה. א טיפערער ענין אין דעם:

אין דעם ענין פון הליכה מחיל אל חיל — עלי' שלא בערך — זיינען דא צוויי פרטים: אוועקגיין פון דער פריער־דיקער מדריגה, און צוקומען צו דער העכערער מדריגה.

און דאס איז דער חילוק צווישן די צוויי לשונות „הילוך" און „נסיעה": הליכה איז מדגיש (בעיקר) דעם גיין ווייטער (אויף צוקומען העכער); נסיעה איז מדגיש (ניט נאר דעם גיין ווייטער, נאר) אויך דעם אוועקגיין פון אן ארט — „ויסעו מ . ." — ווי עס שטייט „נסעה ונלכה"[14], „נסעו מזה .. נלכה דותי־נה"[15], „ויסע משה את ישראל מים סוף"[16].

און דערפאר געפינט מען אין כמה פסוקים[17] אז דער לשון „נסע" האט אין זיך דעם אפטייטש פון „עקר"; ועד"ז נוצט דער ירושלמי (במקום דעם לשון „הסיח דעתו") דעם אויסדרוק „הסיע דעתו"[18]: היסח הדעת מיינט אז די מחשבת ודעת האדם איז נעקר געווארן פון דעם פריערדיקן ענין.

[ווי מען געפינט דעם דין[19] ביי תפילין, אז „אינו נקרא היסח הדעת אלא כשעומד בשחוק או קלות ראש כו' אבל כשעומד ביראה ומתעסק בצרכיו . . ואין דעתו על התפילין ממש אין זה נקרא היסח הדעת":

כל זמן ער איז נאך „עומד ביראה" (אע"פ אז „אין דעתו על התפילין ממש"), איז ער נאך ניט אפגעריסן פון תוכן ענין התפילין[20] (וואס כוונת הנחתן

12) כלים פ"א מ"ו ואילך.
13) אגה"ק סו"ס יז.

14) וישלח לג, יב. וברש"י שם: נסע מכאן ונלך.
15) וישב לז, יז. וראה רש"י שם: הסיעו עצמן מן האחוה. ועפ"ז הוא לשון „עקירה", כדלקמן.
16) בשלח טו, כב. וברש"י שם: הסיען בעל כרחם.
17) ראה שופטים (טז, יד) „ויסע את היתד" (ובמצודות שם „עקר"). מ"א ה, לא וברש"י שם. ועוד.
18) ראה אנציקלופדי' תלמודית ע' הסח הדעת בתחלתו. וש"נ.
19) שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס כח. שם סמ"ד, מטור ומג"א שם סק"ב. סידור אדה"ז הל' תפילין. וראה אנציקלופדי' תלמודית ערך הנחת תפילין סעיף ז. וש"נ.
20) ראה בכ"ז לקו"ש חי"ד ע' 152 ואילך.

איז דאָך — שעבוד המוח והלב[21]: דוקא „כשעומד בשחוק או קלות ראש״, וואָס איז היפך ענין התפילין, איז ער אָפּגעריסן פון ענין התפילין[20] און ס׳איז היסח הדעת].

וכנ״ל דער ירושלמי רופט עס „הסיע דעתו״, ווייל דאָס איז תוכן ענין הנסיעה — אוועק און אָפּרייסן זיך פון אַן אָרט[22].

ו. דאָס איז אויך דער ביאור אין פסוק „אלה מסעי בנ״י אשר יצאו מארץ מצרים״ — מסעי ל׳ רבים — פרעגט דער אַלטער רבי[23]: מיט דעם ערשטן מסע מרעמסס לסוכות זיינען אידן שוין אַרויס פון ארץ מצרים, היינט ווי זאָגט מען אַז דורך „מסעי״ (לשון רבים) זיינען זיי „יצאו מארץ מצרים״? און ער פאַרענטפערט, אַז „מצרים״ איז פון לשון מיצר וגבול; און כל זמן זיי זיינען ניט געקומען צו (דער דרגא פון) ירדן ירחו, זיינען זיי נאָך אַלץ געווען אין „מצרים״ — מצרים וגבולים ובמילא נאָך ניט אָפּגעריסן פון ארץ מצרים, אָבער צוזאַמען דערמיט איז אין יעדן מסע געווען „יציאת מצרים״ — געווען אַ יציאה פון דעם מיצר וגבול פון דער פריערדיקער חני׳.

און דאָס זאָגט דער פסוק „אלה מסעי בנ״י אשר יצאו מארץ מצרים״:

די „חניות״ — די דערגרייכטע מדריגות אין עבודת ה׳ — זיינען נאָך ניט די שלימות און גמר יציאת מצרים: עס דאַרף זיין דער — אַרויסגיין פון מצרים וגבולים פון יעדער חני׳, פון — בלייבן אין איר הגבלה ומיצר, אפילו דקדושה. מען שטעלט זיך ניט אָפּ ביי אַ מדריגה, די חניות זיינען (בעיקר) צוליב „חזרו ונסעו״ — „מסעי בני ישראל אשר יצאו מארץ מצרים״.

ז. נאָך אַן ענין אין דעם:

עס איז ידוע[24] אַז די מ״ב מסעות אין מדבר זיינען אַ רמז אויף דעם זמן הגלות, ווען אידן געפינען זיך אין „מדבר העמים״[25]. קומט אויס, אַז די „חניות״ אין מדבר האָבן אין זיך אַן ענין פון ירידה וגלות, דאָס וואָס מ׳פאַרהאַלט זיך אין „מדבר העמים״

— ועאכו״כ די חניות אין די „מקומות היכן הכעיסוני״[26], זיינען דאָך זיכער אַן ענין פון ירידה —

און אעפ״כ ווערן אויך אָט די חניות אָנגערופן „מסעי״, וואָס ווייזט אויף אַן ענין פון נסיעה ועלי׳.

וההסברה בזה[27]: די כוונה ותכלית פון דער ירידה אין גלות איז די גאולה שלאחרי׳ (ירידה צורך עלי׳). ודוקא דורך דער ירידה ווערט אויפגעטאָן אַן עלי׳ — נאָך העכער ווי פאַר דער ירידה, כיתרון האור מן החשך.

---

21) שו״ע (ודאדה״ז) או״ח סי׳ כה ס״ה (יא). סידור שם.

22) וי״ל שהם ע״ד ב׳ המדריגות דהילוך ודילוג, דהילוך הוא למקום (דרגא) שיש לו ערך לגבי מקומו הקודם, שלכן נק׳ עלי׳ בסדר והדרגה (לגבי דילוג), משא״כ דילוג הוא עלי׳ שלא בערך (סה״מ תרע״א שם. המשך תער״ב ח״ב ע׳ תתקמא. וראה לקו״ת שה״ש מב, ב) — ע״ד הדילוג שמגביה (כל גופו ו)שני רגליו מן הארץ, דלא כבהילוך (גם הילוך במרוצה) שרגל א׳ נשאר על הארץ (כמבואר במקומות הנ״ל).

23) לקו״ת פרשתנו ד״ה אלה מסעי (פח, ג).

24) ראה לקו״ת פרשתנו ד״ה אלה מסעי וביאורם.

25) יחזקאל כ, לה.

26) לשון התנחומא פרשתנו ג.

27) ראה בכל זה — לקו״ש ח״ו ע׳ 237 ואילך (ובהערה 14 שם). לקו״ש חי״ח ע׳ 393 ואילך. וש״נ.

עפ"ז איז מובן אז די ירידה אין גלות איז א חלק פון דער כללות'דיקער עלי' אויף צוקומען צו "ירדן ירחו" — בחי' הריח, דער גילוי פון משיח וואס ער וועט זיין (און מען פראוועט אים אויס דורך) "מורח ודאין"[28].

און אפילו ווען א איד פאלט דורך ר"ל אין א זאך וואס איז ניט כרצון העליון, טאר ער ניט אריינפאלן אין יאוש ח"ו, נאר ער דארף אויפטאן יתרון האור מן החושך (פון דעם דורכפאל) — עס זאל ווערן אן ענין פון "מסע" ועלי', דער יתרון פון עבודת התשובה. און דערפאר ווערט עס אין תורה שוין אנגערופן "מסעי"[29], ווייל בפנימיות ובהעלם איז דאס (די התחלה פון) אן ענין של עלי'.

ח. דערמיט איז אויך מובנת די שייכות פון פ' מסעי צו דעם זמן ווען מען לייענט די פרשה[30] — אין בין המצרים, ובסמיכות צו ר"ח מנחם אב[31] — דאס איז מעודד אידן:

אריינגייענדיק אין די טעג פון בין המצרים, ובפרט די ט' ימים (וואס הויבן זיך אן ר"ח מנחם אב), וואס דערמאנען א אידן דעם גודל הירידה פון דעם גלות זה האחרון — זאל ער ניט באוווירקט ווערן ליאוש ח"ו פון דער ביטערקייט פון מצב הגלות, נאר ער זאל וויסן זיין אז דאס אלס איז כדי ער זאל עס איבערמאכן און איבערקערן (אתהפכא — וואס בריינגט דעם והפכתי[32] דורך ה') צו אן ענין פון "מסעי" און עליות,

און דערפאר דארף ער אין די טעג במיוחד מוסיף זיין אין חיות והתלהבות ואור, מיט מער לעבעדיקייט און מער ליכטיקייט (ואין[33] אור אלא תורה[34]),

וואס דאס באלייכט די בין המצרים און ברענגט בגילוי די מסעות (שבהם) ועליות, ביז דעם מסע העיקרי שיהפכו ימים אלה "לששון ולשמחה ולמועדים טובים"[35], במהרה בימינו ממש.

(משיחות ש"פ מטו"מ תשי"ג, תשכ"א)

---

28) סנהדרין צג, ב.

29) ע"ד משנ"ת (לקו"ש ח"ה ע' 65 ואילך) לענין פ' לך (ומש"נ (שם יג, א) "ויעל אברם גו'").

30) ראה עוד ביאורים — לקו"ש חי"ח ע' 378. ע' 411 ואילך. וש"נ.

31) או בר"ח עצמו (כקביעות ש.ז. (תשמ"א)). ולהעיר שבפרשתנו (לג, לח) מפורש (זמן מיתת אהרן) "בחודש החמישי באחד לחודש" (אף שסיפור מיתתו דאהרן הוא בפ' חוקת כ, כח). וראה לקו"ש ח"ח ע' 198 ואילך.

32) — את "אבלם לששון" (ירמי' לא, יב. וראה אוה"ת (להצ"צ) איכה ע' א'נו. אוה"ת פרשתנו ס"ע א'שפד ואילך. ועוד).

33) שנאמר (משלי ו, כג) כי נר מצוה ותורה אור (תענית ז, ב).

34) ובפרט בלימוד הלכות בית הבחירה שעי"ז "כאילו הם עוסקין בבנין הבית" (תנחומא צו יד), ויתירה מזו — עי"ז אין "בנין ביתי בטל" (תנחומא שם. נת' בארוכה בלקו"ש חי"ח שם).

35) זכרי' ח, יט. רמב"ם סוף הל' תעניות. וראה בארוכה לקו"ש חט"ו ע' 413 ואילך.

# מסעי ב

א. בשייכות מיט דער צאָל פון שנות חיי אהרן הכהן וואָס ווערט דערציילט אין אַ פסוק בפ״ע בפרשתנו[1] — „ואהרן בן שלש ועשרים ומאת שנה במותו בהר ההר״ — שטייט אין ירושלמי[2]: מאה ועשרים ושלש פעמים שישראל עונין הללוי׳ (ביי אמירת הלל[3]) כנגד שנותיו של אהרן.

וואָס איז דער קשר פון עניית „הללוי״ מיט „שנותיו של אהרן״? איז דער ירושלמי מבאר[4]: הללוי׳ הללו א־ל בקדשו[5], לאהרן קדושו, לאהרן קדוש ה׳[6]. ד.ה. אַז דער הילול פון דעם אויבערשטן איז פאַרבונדן מיט אהרן קדוש ה׳, ווי עס שטייט „הללו א־ל בקדשו״.

פון דעם גופא וואָס דער ירושלמי פאַרבינדט אמירת קכ״ג פעמים הללוי׳ כנגד שנותיו של אהרן מיטן פסוק „הללו א־ל בקדשו״ — אַז דער הילול דאַרף זיין „בקדשו״ — איז מובן, אַז די שייכות פון אהרן צו אמירת הלל איז ניט בלויז אין אַן ענין פון מספר (וואָס ביידע איז מספרם קכ״ג), וואָס איז בלויז אַן ענין חיצוני[7], נאָר עס איז פאַראַן צווישן זיי אַ שייכות אין תוכן: אמירת הלל דאַרף זיין פאַרבונדן מיט „קדשו״, וועלכער איז ענינו של אהרן; ואדרבה — דאָס איז די סיבה אויף דעם וואָס זיי גלייכן זיך אויס אין זייער חשבון.

דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס איז די שייכות פון ענית הללוי׳ (בהלל) מיט אהרן[8]?

ב. אַט־דער ענין (אַז די קכ״ג פעמים הללוי׳ זיינען כנגד שנותיו של אהרן) ווערט געבראַכט אין ספר הרמב״ם, אין די הלכות פון אמירת הלל (וואָס ער האָט אַריינגעשטעלט[9] אין הלכות חנוכה[10]), בשעת ער רעדט וועגן דעם מנהג פון אמירת ההלל „בימי חכמים הראשונים״, וזה לשונו:

אחר שמברך הגדול שמקרא את ההלל מתחיל ואומר הללוי׳ וכל העם עונין הללוי׳ וחוזר ואומר הללו עבדי ה׳ וכל העם עונין הללוי׳ וחוזר ואומר הללו את שם ה׳ וכל העם עונין הללוי׳ וחוזר ואומר יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם וכל העם עונין הללוי׳, וכן על כל

---

1) לג, לט. וראה לקו״ש (ח״ח ע׳ 198. חי״ח ע׳ 411), די״ל רמז בדבר מה שדוקא כאן נכתב זמן מותו — ר״ח מנ״א (וכן מנין שנות חייו) — ולא לעיל בפ׳ חוקת (כ, כג ואילך) בעיקר מקום סיפור מותו ובפרטיות — שהוא משום שהפרשה נקראת תמיד בר״ח מנ״א או בסמיכות אליו.

2) שבת פט״ז ה״א. ועד״ז במס׳ סופרים פט״ז הי״ב. מדרש תהלים (ומדרש תהלים באבער) מזמור כב, ד. ילקוט שם. ילקוט המכירי שם. בעל העיטור הלכות ערבה (הלל) — רמב״ם הל׳ חנוכה פ״ג הי״ב (כדלקמן בפנים).

3) ראה קרבן העדה ושירי קרבן לירושלמי שם. כסא רחמים השלם (להחיד״א) למס׳ סופרים שם.

4) ובמדרש תהלים באבער שם: יראי ה׳ הללוהו (תהלים כב, כד) וכתיב יראו את ה׳ קדושיו (שם לד, י) ואהרן נקרא קדוש שנאמר לאהרן קדוש ה׳.

ובמדרש תהלים שלפנינו (ועד״ז בילקוט ובילקוט המכירי. וכן הובא בבעל העיטור שם): יראו את ה׳ קדושיו כו׳ (ולא הובא בתחלה הפסוק יראי ה׳ הללוהו). ולכאורה לפי זה אינו מובן ההמשך. וצ״ע.

5) תהלים קנ, א.

6) שם קו, טז.

7) ראה שער היחוה״א ספ״ז (פד, ב).

8) וראה כסא רחמים שם — ביאור בזה ע״פ קבלה.

9) וראה לקמן בפנים סעיף ז — טעם הדבר ע״ד הרמז.

10) פ״ג הי״ב.